# **פרשת דברים ג׳ - ט׳ אב תשע"ו לפ"ק**

***יום ראשון פרשת דברים***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה ברוך פרענקל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה, וואו מען האט אריינגעברענגט א קינד בבריתו של אברהם אבינו, וואס ברית מילה איז די התחלה פונעם חינוך פונעם קינד. אין די פאריגע וואכעדיגע פרשה, איז דא א לימוד מוסר השכל וואס איז נוגע צו חינוך פון קינדער. די בני גד ובני ראובן זענען געקומען און זיי האבן געבעטן זייער נחלה אין עבר הירדן, און משה רבינו האט קודם נישט פארשטאנען וואס זיי ווילן, און ער האט זיי מוסר געזאגט. און זיי האבן נאכדעם געזאגט, אונז מיין מיר נישט, אז מיר וועלן נישט אריינגיין מלחמה האלטן, נאר אדרבה מיר וועלן ארויסגיין די ערשטע איינצונעמען ארץ ישראל, און מיר זענען גרייט צו בלייבן דארט ביז מען וועט כובש זיין און חולק זיין ארץ ישראל, און דעמאלטס וועלן מיר אהיימגיין.

**בתוך** הדברים האבן זיי געזאגט פאר משה רבינו, אז אונז גיי מיר קודם בויען גדרות צאן למקננו, און ערים לטפינו, מיר וועלן זיך זארגען פאר די שעף, און פאר די קינדער. און משה רבינו האט זיי געזאגט, איר מאכט די טפל פאר א עיקר, און דעם עיקר פאר א טפל. ווען מען רעדט, אז מען דארף זיך זארגען פאר די וואס בלייבן דא, רעדט מען קודם פון די קינדער, צו מען רעדט קודם פון די פארמעגן? פארוואס האט איר געזאגט (במדבר לב-טז), גדרות צאן נבנה למקננו, און נאכדעם ערים לטפינו? מען דארף זאגען פארקערט, קודם בנו לכם ערים לטפכם, קודם זאלט איר אינזינען האבן די קינדער, און נאכדעם גדרות לצנאכם (שם לב-כד). און זיי האבן מקבל געווען וואס משה רבינו האט זיי געזאגט, אז קודם דארף מען זיך זארגען פאר די קינדער, און נאכדעם פאר די פרנסה. דאס איז טייטש, אז אמאל איז דא וואס א מענטש איז ביי אים די גאנצע קאפ אין די פרנסה, אבער ער האט דאך קינדער אויך, און ער דארף זיי אויך מחנך זיין, אבער דאס איז נאר די צווייטע מדריגה. ביי ערליכע יודען איז נישט אזוי, אונז האב מיר נישט עפעס אנדערש נאר אונזערע קינדער, דאס איז די איינציגסטע פארמעגן וואס א מענטש פארמאגט. און דער גאנצער קאפ דארף זיין קודם בנו לכם ערים לטפכם, זעהן אז מען זאל קענען מחנך זיין די קינדער ווי עס דארף צו זיין. נו, מען דארף דאך אבער אויך האבען פרנסה, נאכדעם קומט גדרות לצנאכם, אבער די עיקר נקודה פון א יוד דארף צו זיין, בנו לכם ערים לטפכם.

**אבער** עס איז דא א צווייטע פלא. משה רבינו האט זיך אזוי געזארגט פאר די חינוך פון זייערע קינדער, און ער האט זיי מעורר געווען, אז קודם דארף מען זאגען בנו לכם ערים לטפכם. זיי ווילן דאך יעצט אריינגיין קיין ארץ ישראל כובש זיין ארץ ישראל, און זיי גייען איבערלאזן די שטוב פערצן יאר. דאס מיינט, אז אלע קליינע קינדער וואס זענען יעצט אין שטוב, וועלן זיין אן א טאטע, וואס זאל זיך אומקוקען אויף זייער חינוך. און דאס אז די קינדער וועלן בלייבען אן א חינוך, האט נישט געאהערט פאר משה רבינו, נאר ווען מען האט קודם געזאגט אז מען וועט קודם מאכן גדרות פאר די צאן, און נאכדעם ערים פאר די טף?! משה רבינו וואלט געדארפט זאגען, אז עס איז נישט אויסגעהאלטן וואס זיי טוען, א טאטע לאזט נישט איבער די שטוב פאר פערצן יאר. זיי זענען טאקע נישט ערצויגען געווארן אליין, ווייל עס איז געבליבען דארט א חלק פון יודען, נאר די חלוצי צבא, פון די צוואנציג יאר ביז די זעכציג יאר זענען ארויפגעגאנגען, און עס איז געבליבען די וואס זענען יונגער פון צוואנציג, און עלטער פון זעכציג יאר, און די האבן מן הסתם איבערגענומען די חינוך פון די גאנצע שבט. אבער סוף כל סוף א טאטע אין שטוב גיט אויך צו צום חינוך, פארוואס האט זיך משה רבינו נישט געזארגט אויף דעם.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז, עס איז דא א ספר **דברי אברהם**, פונעם **בארדיוב'ער רב**, ער איז

געווען א תלמיד פונעם **חתם סופר**. און ער שרייבט אין זיין ספר, אז ער איז אמאל אריינגעקומען צו זיין רבי דער **חתם סופר**, און ער האט געזען אז דער **חתם סופר** איז אזוי צוטראגען. האט ער געפרעגט דעם רבי'ן, פארוואס איז דער רבי אזוי צורודערט. האט דער **חתם סופר** זיך מתנצל געווען, אז איך בין א רב אין א שטאט, און איך האב אויף מיר די גאנצע עול פון די שטאט. איך האב א ישיבה, און איך דארף לערנען מיט בחורים, און שרייבן תשובות, און איך האב נישט קיין צייט זיך אומצוקוקען אויף מיין שמעון [**רבי שמעון סופר** איז דעמאלטס געווען א יונגל], און עס איז שוין אדורך דריי פיר וואכען, און עס איז מיר נישט אויסגעקומען, אז איך זאל אים קענען פארהערן וואס ער האט געלערנט. עס האט געדודערט פארן **חתם סופר**, אז ער איז אזוי טרוד מיט די טירדה פונעם ציבור, און ער קען זיך נישט אפגעבן מיט די קינדער.

**שרייבט** דער **דברי אברהם**, אז ער האט געזאגט פארן **חתם סופר**, אז דער רבי זאל אים מוחל זיין, ער וויל זאגען פארן רבי'ן א דבר תורה. דער פסוק (תהלים לז-כה) זאגט, כל היום חונן ומלוה, א גאנצן טאג בארגט ער געלט פאר אנדערע, וזרעו לברכה, און ער האט קינדער וואס זענען געבענטשט. האט ער געזאגט, דער צדיק איז אזא עושר, אז ער האט א באנק, און ער שטייט א גאנצע טאג, און ער איז חונן ומלוה? זאגט ער, ניין, דער צדיק האט נישט קיין גרויס פרנסה. אבער וואס טוט ער יא, ער נעמט זיין גאנצע טאג, און ער בארגט עס אוועק פאר יודענס וועגן. 'כל היום', זיין גאנצע טאג, 'חונן ומלוה', גיט ער אוועק פאר אנדערע. נו, אז ער גיט אוועק זיין גאנצע טאג פאר אנדערע, וואס וועט זיין מיט זיינע קינדער. אבער אין דעם זכות וואס ער איז כל היום חונן ומלוה, 'וזרעו לברכה', טוט דער אייבערשטער זיך אומקוקן אויף זיינע קינדער. אז דו טוסט פארן אייבערשטענ'ס וועגן, דו געבסט אוועק דעם גאנצן טאג, און דו אפפערסט דיין שטוב פארן באשעפער'ס וועגן, וועט דיר דער אייבערשטער באצאלן, אז דיינע קינדער וועלן געבענטשט ווערן.

**האט** ער געזאגט פארן **חתם סופר**, נו, דער רבי איז דאך 'כל היום חונן ומלוה', דעם גאנצן טאג גיט דער רבי אוועק פארן ציבור, 'וזרעו לברכה', וועלן געבענטשט ווערן די קינדער. און האירו פניו, עס האט אויפגעלאכטן דער פנים פונעם **חתם סופר** ווען ער האט עס געהערט, עס האט אים אזוי באזויגט, און ביי שלש סעודות האט דער **חתם סופר** נאכגעזאגט דעם ווארט וואס דער תלמיד האט אים געזאגט, און ער האט אויך צוגעגעבן, צו טייטשן דערמיט. און עס האט נישט געשאדט פארן **חתם סופר**, **רבי שמעון סופר** איז אויסגעוואקסען גאנץ א שיינער תלמיד חכם, און א געוואלדיגער גדול בישראל, ער איז נאכדעם געווען דער קראקא'ער רב.

**ווען** א מענטש גיט אוועק פאר אנדערע, גיט אים דער אייבערשטער נאכדעם, אז עס איז דא א ברכה ביי די קינדער. דאס מיינט, **אז צו געלונגענע קינדער איז נישט דער חינוך אליין, וואס מען שטייט אויפן קאפ אז מען זאל לערנען און דאווענען, און זיך אומקוקען אויפן קינד, עס איז דא פארשידענע זאכען וואס דארפן זיין, אז די קינדער זאלן געראטן. און איינס דערפון איז, וואס א מענטש טוט פאר אנדערע, ער טוט עס לשם שמים, פארן אייבערשטען'ס וועגן. ער גיט אוועק זיין צייט, וואס אין די צייט וואלט ער געקענט זיין אין שטוב. און מען דערלייגט נישט דערויף, דער אייבערשטער טוט אריינגעבן א ברכה אין די קינדער.**

**די** בני גד ובני ראובן האבן געהאט מסירת נפש. איבערצולאזן א שטוב פערצן יאר, אן ווייב און קינדער זיך ארומדרייען אין ארץ ישראל. און זיי האבן עס געטון, ווייל זיי ווילן כובש זיין ארץ ישראל פארן אייבערשטען'ס וועגן. מען דארף אריינגיין קיין ארץ ישראל, וועלן זיי זיין די וואס גייען לפני החלוץ, זיי גייען ארויס די ערשטע אין די מלחמה. אמת אז פאר די פרנסה איז זיי בעסער אויסגעקומען צו זיין אין עבר הירדן, אבער זיי לאזן איבער די שטוב, און זיי וועלן טון אלעס קודם כובש צו זיין ארץ ישראל. האט זיך משה רבינו נישט געזארגט אויף די קינדער, ווייל ווען עס איז כל היום חונן ומלוה, אז מען גיט אוועק דעם גאנצן טאג פארן אייבערשטען, איז וזרעו לברכה, איז דא א ברכה ביי די קינדער. האט זיך משה רבינו נישט געזארגט, אז די קינדער וועלן נישט קענען נתחנך

ווערן, ווייל די עלטערן וועלן נישט זיין דארט, ווייל פארוואס זענען די עלטערן נישט אין שטוב, ווייל זיי זענען אוועקגעגאנגען פארן אייבערשטענ'ס וועגן, און אז מען גייט אוועק פארן אייבערשטען'ס וועגן, וועט דער אייבערשטער געבן א ברכה אין די קינדער. אבער פאר די עלטערן האט ער געזאגט, עטץ דארפסט וויסען, אז קודם קומט ערים לטפכם, און נאכדעם קומט גדרות לצנאכם.

*

### ***יום חמישי פרשת דברים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **שמואל אפרים גאלד** הי"ו, שהתקיים בישיבה קטנה דסאטמאר (סניף אבני צדק). **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ביחד עם תלמידי הישיבה, ונשא מדברותיו.

### ***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט מיר געבעטן אז איך זאל רעדן אפאר ווערטער צו די בחורים. באמת האלט איך אז עס איז נישט וויכטיג, מען זיצט אין אזא חשוב'ען מקום תורה, דער מנהל און די מגידי שיעורים געבן אוועק זייערע כוחות פאר יעדן בחור פערזענליך, אים אויפצוהייבן אין תורה און עבודת ה', קומט א פרעמדער און רעדט דברי תורה. אבער עס שטייט אין מדרש (ב"ר צז-ג), אז פיש וואס זענען אין וואסער, און זיי זענען שטענדיג ארומגענומען מיט וואסער, פון דעסטוועגן דאך, ווען עס רעגנט, הייבן זיי זיך אויף די קאפ כדי צו באקומען א פרישן טראפ וואסער וואס קומט אראפ פון אויבן. וואס איז דער וואסער פון אויבן אנדערש פון די וואסער ווי ער איז? אבער אזוי איז דער נאטור, א זאך וואס איז ניי, איז מען אסאך מאל אנדערש מקבל. מען זיצט ב"ה אין א ים של תורה, מען איז מקבל תורה, קען אמאל אפשר עושה רושם זיין, ווען א פרעמדער זאגט א דבר תורה.

*

**די** גמרא (בבא קמא ס:) פארציילט, אז דוד המלך האט אמאל געהאט א שאלה, אויף א געוויסען ענין צו ער איז מחוייב דערויף צו נישט, און דער פסוק (שמואל ב כג-טו) זאגט, ויתאוה דוד, און דוד האט געגלוסט, ויאמר מי ישקני מים מבור בית לחם אשר בשער, ווער וועט מיר ברענגען די הלכה פון די סנהדרין וואס זיצען אין שער. עס איז געווען א שוועריקייט צוצוקומען צו די סנהדרין, און עס זענען געווען דריי גדולים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען, און זיי זענען אריבערגעגאנגען צו די סנהדרין פרעגן די שאלה, און זיי זענען צוריקגעקומען צו דוד המלך, און זיי האבן געזאגט די הלכה. און דער פסוק זאגט, אז ווען זיי זענען צוריקגעקומען צו דוד המלך, ולא אבה דוד לשתותם, דוד המלך האט נישט געוואלט טרינקען די וואסער, דרשנ'ט די גמרא, אז לא אמרינהו משמייהו, ער האט מקבל געווען די הלכה וואס די סנהדרין האבן געזאגט, אבער ער האט עס נישט נאכגעזאגט אין די נעמען פון די דריי גדולים, וואס האבן געברענגט די הלכה. אמר, דוד המלך האט געזאגט, כך מקובלני מבית דינו של שמואל הרמתי, איך האב מקובל פונעם בית דין פון שמואל, כל המוסר עצמו למות על דברי תורה, ווען איינער איז זיך מוסר נפש כדי צו ברענגען א הלכה אין תורה, אין אומרים דבר הלכה משמו, זאגט מען נישט נאך די הלכה אין זיין נאמען. ער האט געטון א עוולה, ער האט זיך מוסר נפש געווען צו ברענגען די הלכה, זאגט מען נישט נאך די הלכה אין זיין נאמען.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, א יוד איז זיך מוסר נפש פארן אייבערשטען, עס ברענט אים צו וויסען די הלכה, דוד המלך האט עס געגלוסט, ער האט עס געוואלט, ער האט געזאגט מי ישקני מים מבור בית לחם, ווער וועט מיר ברענגען די הלכה, און מען איז געגאנגען און מען האט אים געברענגט די הלכה, אבער ער זאגט נישט נאך די הלכה אין דעם נאמען פון די מענטשען וואס האבן עס געברענגט, ווייל זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אויף דברי תורה. דאס איז טייטש, אז עס איז א עוולה וואס זיי האבן געטון, אז זיי האבן זיך מוסר נפש געווען אויף דברי תורה. אין גאנץ חז"ל געפונט מען פארקערט, אז עס איז א געוואלדיגע מדריגה ווען א יוד איז זיך מוסר נפש פאר תורה.

**די** גמרא (ברכות סא:) פארציילט, אז רבי עקיבא איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות [מען דערמאנט

עס אין די קינות פון תשעה באב, ארזי הלבנון אדירי התורה], וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען. וואס איז געווען די סיבה פארוואס מען האט גע'הרג'ט רבי עקיבא. זאגט די גמרא, אז דער מלכות הרשעה האט גוזר געווען שלא יעסקו ישראל בתורה, מען זאל נישט לערנען קיין תורה. איז געקומען פפוס בן יהודא און ער האט געטראפן רבי עקיבא שהיה מקהיל קהלות ברבים ועוסק בתורה, ער נעמט צוזאם צענדליגער יודען, און ער לערנט מיט זיי תורה. אמר ליה, עקיבא אי אתה מתיירא מפני המלכות, האסט נישט מורא אז מען וועט דיר הרג'ענען.

**אמר** לו, האט אים רבי עקיבא געזאגט, אמשול לך משל למה הדבר דומה, איך וועל דיר געבן א משל צו וואס עס איז גלייך, לשועל שהיה מהלך על גב הנהר, א פוקס איז א קלוגע חיה, און ער איז געגאנגען נעבן די טייך, וראה דגים שהיו מתקבצים ממקום למקום, ער האט געזעהן ווי די פיש טוען זיך צוזאמענעמען פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ. האט ער געפרעגט די פיש, מפני מה אתם בורחים, פארוואס אנטלויפט עטץ. אמרו לו, מפני רשתות שמביאין עלינו בני אדם, וועגן מענטשען וואס ברענגען נעצן, און מען וויל אונז פאנגען. אמר להם, זאגט דער פוקס צו זיי, רצונכם שתעלו ליבשה, אפשר קומט עטץ ארויף אויף די יבשה, ונדור אני ואתם, און איך מיט ענק וועלן וואוינען צוזאמען, כשם שדרו אבותי עם אבותיכם, ער האט איינגערעדט פאר די פיש, אז זיינע עלטערן, מיט די עלטערן פון די פיש, האבן געוואוינט צוזאמען אויף די יבשה. אמרו לו, האבן אים די פיש געזאגט, אתה הוא שאומרים עליך שאתה פקח שבחיות, אויף דיר זאגט מען אז דו ביסט א חכם, לא חכם אתה, דו ביסט נישט א קלוגער, טיפש אתה, דו ביסט א טפש. מה במקום חיותנו אנו מתיראין, מה דאך ווען אונז געפון מיר זיך אין וואסער, וואס דאס איז דער פלאץ פון אונזער לעבן, האבען מיר מורא, במקום מיתתנו על אחת כמה וכמה, אז מיר וועלן ארויסגיין אינדרויסן, איז אוודאי אז מיר וועלן שטארבן. דאס איז געווען דער משל. האט רבי עקיבא געזאגט, אף אנחנו, עכשיו שאנו יושבין ועוסקין התורה, מה דאך ווען מיר זיצען און מיר לערנען תורה, שכתוב בה (דברים ל-כ) כי הוא חייך ואורך ימיך, די תורה דאס איז דיין לעבן, און דאס איז דיין אריכת ימים, כך, האבען מיר אזוי צוטון מיטן מלכות, אם אנו הולכין ומבטלים ממנו, אויב מיר וועלן מבטל זיין פון תורה, על אחת כמה וכמה, איז זיכער אז מיר וועלן שטארבן. עס איז אזוי ווי א פיש וואס גייט ארויף פון די ים צו די יבשה, וואס עס איז זיכער אז עס וועט שטארבן.

**אמרו**, לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לרבי עקיבא, עס איז אדורך א שטיק צייט, און מען האט געכאפט רבי עקיבא, וחבשוהו בבית האסורים, און מען האט אים איינגעזעצט אין תפיסה, ותפסו לפפוס בן יהודא וחבשוהו, און פפוס בן יהודא האט מען אויך געברענגט אין תפיסה. אמר לו, האט רבי עקיבא געזאגט, פפוס מי הביאך לכאן. אמר ליה, האט פפוס געזאגט, אשריך רבי עקיבא שנתפסת על דברי תורה, דו ביסט גליקלין, דיך האט מען געברענגט אהער אויף דברי תורה, אוי לו לפפוס שנתפס על דברים בטלים, מיר האט מען אהער געברענגט אויף דברים בטלים. ביידע האבן געהאט די זעלבע סוף, רבי עקיבא האט עס געהאט אויף דברי תורה, און פפוס האט עס געהאט אויף דברים בטלים. און די גמרא דערציילט נאכדעם באריכות, ווי אזוי מען האט גע'הרג'ט רבי עקיבא. - זעהט מען פארקערט, אז רבי עקיבא האט געהאט מסירת נפש מקהיל צו זיין קהלות ברבים. עס איז דא א גזירה אז מען גייט הרג'ענען ווער עס וועט לערנען תורה, און מען האט אים טאקע גע'הרג'ט נאכדעם, און מען זאגט א גאנצע צייט ווערטער אין נאמען פון רבי עקיבא, און מען זאגט נישט אז רבי עקיבא האט זיך מוסר נפש געווען אויף דברי תורה, און מען טאר נישט נאכזאגען דברי תורה אין זיין נאמען.

**אין** די גמרא אליין, זעהט מען נאך א דיוק. אז רבי עקיבא האט געוואלט זאגען פאר פפוס, אז מען קען נישט אוועקגיין פון תורה, נאר מען דארף זיצען און לערנען, כי הוא חייך ואורך ימיך, וואלט ער דאס געקענט זאגען פשוט, און מען דארף נישט קיין משל פון א פוקס מיט א פיש. ווען פפוס האט געזאגט, אז עס איז דא א גזירה אז מען וועט הרג'ענען ווער עס וועט עוסק זיין בתורה, וואלט ער אים געדארפט זאגען, אז אין די תורה שטייט כי

הוא חייך ואורך ימיך. און אז ווען מיר זענען עוסק אין תורה איז כך, איז אוודאי אז ווען מיר וועלן מבטל זיין פון תורה איז על אחת כמה וכמה. וואס האט רבי עקיבא געוואלט ארויסברענגען מיט די משל פון א שועל און א פיש.

**איך** האב אמאל געזעהן שטיין דערין א מוסר השכל. מען ווייסט אז א פיש לעבט אין וואסער, ער שווימט א גאנצע צייט אין וואסער, דארט לעבט ער. ווען מען כאפט א פיש, און מען נעמט אים ארויס פון וואסער, און מען לייגט אים אראפ אויפן טיש, פאנגט דער פיש אן צו טאנצן און צו שפרינגען, אזוי א פאר מינוט, און נאכדעם צוביסלעך צוביסלעך גייט אים אויס די כוחות, און ער שטארבט. א קינד וואס קוקט דאס צו, זעהט ער ווי מען האט אראפגעלייגט דעם פיש אויפן טיש, און דער פיש טאנצט און שפרינגט, טראכט ער, אז די פיש איז גליקליך געווארן. ווען ער האט געלעבט אין וואסער, איז ער געווען דארט פארמאכט, און ער האט נישט געקענט ארויסגיין, אבער יעצט ווען מען האט אים ארויסגענומען, און מען האט אים געלייגט אויפן טיש, קוק ווי פרייליך ער איז, ער טאנצט און שפרינגט וכדומה. דער חכם זאגט, דאס איז א שמחה אז ער טאנצט און שפרינגט? דאס איז דאך זיין מיתה. ער גייט באלד שטארבן, באלד וועט ער אויסגיין. עטץ מיינטס אז ער טאנצט און שפרינגט, דאס איז דאך זיין סוף.

**אמאל דאכט זיך, אז מען זיצט און בית המדרש און מען לערנט, מען זיצט דארט איינגעשפארט, ארומגעצוימט, חבשוהו בבית אסורים, מען האט אים אריינגעלייגט אין א תפיסה, ער זיצט דא און ער דארף לערנען. און ער קוקט אן דאס בחור'ל וואס איז ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, ווי שיין ער שפרונגט און טאנצט דארט, עס פעלט אים גארנישט. ער גייט זיך מיט זיין ציגארעטל, און ער טוט וואס ער וויל, ער איז לעבעדיג. יא, ער איז דער פיש וואס מען האט אים ארויסגענומען פון וואסער, און יעצט טאנצט ער און ער שפרינגט, אבער עס וועט נישט לאנג נעמען, דאס איז זיין מיתה.** נישט 'ער' לעבט, 'אונז' לעב מיר. אונז געפין מיר זיך אין וואסער, אונז לעב מיר, און דער וואס איז ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, און ער געפונט זיך אינדרויסן, דער האט זיך גע'הרג'ט. פאר א קינד קען אויסקוקען ווי ער איז לעבעדיג און ער פרייט זיך, ער קוקט ווי בשמחה ער איז. אבער באמת איז די שמחה זיין מיתה, דאס איז זיין טויט, רשעים בחייהם קרויין מתים (ברכות יח.). ער מוז נישט שטארבן יעצט, די פיש גייט טאקע אויס באלד, און ער וועט אויסגיין אין אפאר יאר ארום, אבער וואס איז געווען זיין לעבן, א לעבן פון תוהו ובוהו, א לעבן פון דברים בטלים. אונז געפון מיר זיך במקום חיותנו, אונז געפין מיר זיך אין וואסער, אונז געפין מיר זיך מיט די שווערקייט וואס דער פיש האט אינווייניג אינעם וואסער. אבער דער וואס גייט ארויס אינדרויסן, דער איז אין א זיכערער טויט.

**דער** פפוס בן יהודא האט געזאגט פאר רבי עקיבא, קוק אן, דו זיצט און דו ביסט מקהיל קהלות, מען גייט דיך הרג'ענען, מען דארף איבערלאזן תורה, מען דארף ארויסגיין אויף די יבשה, דעמאלטס וועסטו זיין רואיג, דער מלכות וועט דיר גארנישט טון, דו וועסט קענען לעבן רואיגערהייט, אן צרות פונעם מלכות. האט אים רבי עקיבא געזאגט, דו ביסט דומה אזוי ווי דער שועל וואס האט געזאגט פארן פיש, פארוואס ביזטו אין וואסער, קום ארויס אינדרויסן, אינדרויסן קען מען זייער פיין לעבן, ווען דו וועסט ארויסקומען וועסט טאנצן און שפרינגען. אבער דער וואס ווייסט, ווייסט, אז דאס איז נישט די פלאץ ווי מען לעבט. כי היא חייך ואורך ימיך, תורה דאס איז אונזער חיות, דאס איז אונזער אורך ימים. **עס זאל זיך דיר נישט דאכטן, אז דער וואס גייט ארויס פון בית המדרש איז גליקליך, ער קוקט ווי יענער דרייט זיך ארום, און ער קען נאכגיין נאך שרירות לבו. ער איז בעצם נישט גליקליך, ער מאכט נאר דעם אנשטעל אז ער איז גליקליך. מען איז נישט גליקליך אינדרויסן, ער איז צובראכן ביי זיך אויף שברי שברים, ווייל מען קען נישט זיין גליקליך נאר מיט תורה.** כל מיני זאכען וואס ער וועט טון, וועט עס זעטיגן דעם מענטש אויף די מינוט, אבער תורה דאס איז כי הוא חייך ואורך ימיך, תורה דאס איז אונזער לעבן, דאס איז אונזער אריכת ימים. אונז קען מיר נישט לעבן אויף די וועלט, נאר ווען מען ליגט אין תורה.

**און** דאס האט רבי עקיבא אונז געלערנט, מען זאל וויסען ווי ווייט די חשיבות פון תורה איז, ווי ווייט תורה איז ממש אונזער לעבן. אז ווען מען גייט אביסל ארויס פון בית המדרש, איין בין הזמנים וואס מען גייט ארויס אביסל פון בית המדרש, ווי גרינג מען קען אוועקפאלן, און מען קען אוועקנעמען אונזער לעבן. אין בית המדרש דארט איז חייך ואורך ימיך. און מה דאך אז מיר האבן נסיונות ווען אונז געפין מיר זיך אין בית המדרש, ווען אונז געפין מיר זיך אין א מקום פון מים, אונז געפין מיר זיך אויף דעם פלאץ ווי אונז קען מיר לעבן, איז דער מענטש ארומגענומען מלא נסיונות, ווי אזוי וועט אויסקוקען ווען מען גייט ארויס, ווען מען לאזט איבער דעם בית המדרש, און מען גייט ארויס אינדרויסן, וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן אז מען זאל נישט אוועקפאלן. אשרנו מה טוב חלקנו, מען דארף זיך פרייען און זיין גליקליך אז מיר קענען זיצען אין בית המדרש, און עוסק זיין בתורה.

*

**דוד** המלך האט געזאגט, אז ער האט מקבל געווען פון שמואל הרמתי, אז ווען א מענטש איז זיך מוסר נפש אויף דברי תורה, אין אומרים שמועה מפיו. איך האב אמאל געהערט פארציילען, אז א בחור איז אמאל געקומען צום **חזון איש זצ"ל**, אז מען טראגט אים אן א שידוך, און ער האט זיך געטראפן מיט די כלה וואס מען טראגט אים אן, און דער בחור האט איר געזאגט, אז איך וויל בלייבען זיצען באהלה של תורה, און ער האט אנגעהויבן אויסצורעכענען די שוועריקייטן וואס איז דא אין לעבן, וואס מען דארף אוועגעבן פאר תורה. ער האט אויסגערעכנט אז עס וועט זיין שווער מיט פרנסה, איך וויל נישט אוועקגיין פון בית המדרש, איך וויל לערנען. האט זי געענטפערט, איך בין מוותר פאר תורה. האט ער אויסגערעכנט ווייטער, אמאל דארף מען געבן זאכען פאר די קינדער, און איך וועל נישט קענען צושטעלן פאר זיי וואס מען דארף. האט זי געענטפערט, אז זי איז מוותר פאר תורה. אזוי האט ער אויסגערעכנט פארשידענע זאכען, און אויף אלעס האט זי געענטפערט, אז זי איז מוותר כדי צו וואוינען מיט א בן תורה. האט ער געבעטן א ברכה פונעם **חזון איש**, צו ענדיגען דעם שידוך.

**האט** אים דער **חזון איש** געזאגט, אז ער זאל נישט טון דעם שידוך. האט ער געזאגט פארן **חזון איש**, זי איז דאך גרייט מוותר צו זיין אויף אלעם, פארוואס זאל ער נישט טון דעם שידוך. האט אים דער **חזון איש** געזאגט, מוותר זיין איז טייטש, ווען א מענטש בעהט עפעס פון יענעם, ער וויל זייער שטארק האבן די זאך וואס יענער האט, גיט ער אסאך מאל אוועק פון זיינע זאכען, וואס לעולם וואלט ער עס געוואלט האבן, אבער איך בין מוותר און איך געב עס אוועק פאר דיר. - אז זי איז נאר 'מוותר' די אלע זאכען פאר תורה, איז טייטש, אז בעצם וויל זי האבן די אלע זאכען, נאר עס איז ביי איר חשובער תורה, און זי איז מוותר פאר תורה. אבער זי האט נישט די השקפה, אז תורה דאס איז דער לעבן, און זי איז גארנישט 'מוותר'. זי דארף זיך פרייען אז זי האט א מאן א בן תורה, וואס זיצט און לערנט. אויב ביי איר איז דאס א וויתור, אז זי דארף מוותר זיין פון זיך, איז דער טייטש אז בעצם וויל זי עס האבען, זי האט נאר א חשק צו טון דעם שידוך, און זי איז גרייט אוועקצוגעבן אפילו זאכען וואס זי וויל האבן. אבער די השקפה דארף צו זיין, אז איר גאנצע לעבן איז נאר ווערט, ווען מען האט א מאן א בן תורה, און זי איז גארנישט מוותר, ווייל דאס איז איר מהות, און נאר דאס וויל זי האבן.

**ווען** א מענטש ווייסט אז תורה דאס איז זיין לעבן, האט ער נישט קיין מסירת נפש פאר תורה. עס איז נישט קיין 'מסירת נפש', די תורה דאס איז זיין לעבן. מסירת נפש איז טייטש ווען א מענטש איז נישט אינגאנצן דערביי, און ער דארף אוועקגעבן פון זיך. לאמיר אנכאפן א משל, ווען א מענטש געפינט זיך אין א פלאץ ווי עס ברענט א פייער, און ער ווערט דערשטיקט, און ער זוכט ארויסצוגיין, און אינדרויסן איז א מקום סכנה, מען שיסט מענטשן, און ער וועט ארויסגיין פונעם שטוב אינדרויסן אויפן גאס. וועט ער זאגען אז ער האט מסירת נפש, ווייל ער איז געגאנגען אויף א פלאץ ווי מען שיסט? דאס איז נישט קיין מסירת נפש, ווייל פון וואו דו ביסט, דארפסטו זיכער ארויסגיין. דו האסט זיך מציל געווען, ווען דו ביסט ארויסגעגאנגען. דא ביסטו אין א וודאי מיתה, און דא ביסטו אין א ספק מיתה, דאס איז נישט קיין מסירת נפש.

**ווען** א מענטש זאגט, איך בין זיך מוסר נפש פאר תורה, איז דאס טייטש, אז בעצם קען איך לעבן און דעם, אבער איך געב אוועק מיין לעבן פאר תורה. אבער ווען א מענטש ווייסט אז תורה דאס איז זיין חיות, און תורה איז נישט דא קיין לעבן, איז כאילו ער שטייט יעצט און א אטעם, און אז ער קען נישט אטעמען, טוט א מענטש אלעס וואס ער קען. ער איז זיך נישט 'מוסר נפש', פארקערט, ער זוכט חיות פון ווי ער זאל יא קענען לעבן. 'כל המוסר נפשו על דברי תורה', ווען ביי א מענטש איז די תורה נאר א מסירת נפש, ער האט אוועקגעגעבן זיין לעבן פאר תורה, 'אין אומרים דבר שמועה מפיו', זאגט מען נישט נאך א דבר שמועה פון זיין מויל. **תורה דארף זיין ביי א יוד, צו וויסען אז כי הם חיינו ואורך ימינו, דו ביסט זיך נישט מוסר נפש פאר תורה, נאר דו ברענגסט פאר דיר לעבן. דו ביסט אויף א פלאץ ווי עס איז נישטא קיין לופט צו אטעמען, אינדרויסען ברענט א פייער, אינדרויסן ווערט מען דערשטיקט, אבער דא אין בית המדרש, אין די פלאץ ווי דו לערנסט, דא איז די פלאץ ווי דו לעבסט, דאס איז די חשיבות פון תורה. אבער ווען ער זאגט, אז עס איז א מסירת נפש צו זיצען דא, ביסטו נאכנישט צוגעקומען צו די מדריגה. ער דארף זאגען, 'דא איז מיין לעבן, און מסירת נפש איז ווען איך גיי ארויס פון בית המדרש', דעמאלטס בין איך זיך מפקיר,** אבער אין בית המדרש אליין איז כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז די חשיבות פון תורה.

**ב"ה** בחורים זיצען און לערנען, מען דארף נישט זאגען אז איך בין זיך מוסר נפש פאר תורה, נאר מען דארף זאגען כי הם חיינו ואורך ימינו, אונזער לעבן איז דא אין בית המדרש. אזוי דארף א יוד אנקוקען יעדע מינוט וואס ער קען עוסק זיין אין תורה, ער באקומט צו נאך א שטיק געזונט, נאך א שטיק חיות. - חיות פון א מענטש איז נישט נאר דאס לעבן פון די וועלט, חיות פון א מענטש איז דער עיקר לעולם הבא. אלעס איז נאר א פרוזדור, אלעס איז נאר אדורכגאנג, כדי שתכנס לטרקלין, אז מיר זאלן צוקומען צו אונזער אמת'דיגע לעבן. דאס לעבן אויף די וועלט איז זיבעציג אכציג ניינציג יאר, און עס איז געענדיגט, אבער לעבן לעולם הבא איז נצחיות, אויף שטענדיג, עס האט נישט א ענדע. און דער תכלית איז, צוצוקומען צו דעם לעבן.

**און** דאס איז געווען רבי עקיבא וואס האט זוכה געווען צו אזא מדריגה. עס קוקט אויס ווי רבי עקיבא האט פארלוירן, ער האט מקהיל געווען קהלות ברבים, און מען האט אים גע'הרג'ט. מען האט אים נישט גע'הרג'ט, דעמאלטס האט ער אנגעהויבן צו לעבן. ער איז אוועק פון די וועלט, און ער לייכט נאך אויף יענע וועלט. רבי עקיבא האט זיין חיי נצחיים, רבי עקיבא'ס תורה איז געבליבן ביי אונז אויף שטענדיג. דער מענטש מיינט, אז דאס לעבן איז דער גופניות'דיגער לעבן, ביי רבי עקיבא איז דאס נישט קיין לעבן, זיין גאנץ לעבן האט ער געזאגט, מתי יבא לידי ואקיימנה (ברכות שם), ער האט געוואלט אויסגיין פארן אייבערשטען, דאס איז געווען זיין מסירת נפש.

**ב"ה** אז מען זיצט און מען לערנט, דארף מען זאגן אשרנו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו, מיר זענען די גליקליכע. גליקליך איז נישט דער פיש וואס איז אינדרויסען פונעם וואסער, וואס מען קוקט ווי אזוי ער טאנצט און שפרינגט, דאס איז נאר די אנהייב פון זיין מיתה. מיר זענען גליקליך, אז אונז געפין מיר זיך אין וואסער.

**מען** האלט שוין באלד ביי סוף זמן. ווי גליקליך איז א בחור וואס האט אדורכגעלערנט די מסכתא, און ווען עס קומט סוף זמן, אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו (בבא בתרא י:). ער נעמט זיך אין די לעצטע וואכן, און ער חזר'ט איבער אלעס וואס ער האט געלערנט, אז ער זאל נישט ארויסגיין פון דעם זמן ליידיג. יעדער לפי ערכו, איינער וואס קען אנקומען אלעס וואס מען האט געלערנט, איז אוודאי גוט. אבער אפילו ער קען נישט אנקומען אלעס, דארף ער נישט זיין צובראכען אז ער קען נישט אנקומען אלעס, דער אייבערשטער בעהט נאר וויפיל דו קענסט. אין הקב"ה בא בטרוניא עם הבריות (עבודה זרה ג.), וואס דו קענסט, לייג דיך אריין דערין. דו זאלסט וויסען אז דאס איז דיין חיות, דאס וועסטו מיטנעמען מיט דיר אויף שטענדיג.

*

**מען** שטייט יעצט אין די טעג וואס יודען זענען מתאבל אויפן חורבן פונעם בית המקדש, מען ווייסט וואס די גמרא (יומא ט:) זאגט, אז דער בית

ראשון איז חרוב געווארן ווייל מען האט עובר געווען אויף די שלש עבירות, עבודה זרה, גילוי עריות, שפיכת דמים. אבער ביים בית שני איז געווען תורה, עבודה, און גמילת חסדים. מען האט געלערנט תורה, מען האט עוסק געווען אין עבודה, און מען האט געטון גוטס. און אז די גמרא איז מעיד אז עס איז געווען תורה, עבודה, און גמילת חסדים, איז עס געווען אמת'דיגע תורה, אז אין הימל האט עס געהייסן תורה, אין הימל האט עס געהייסן עבודה, און אין הימל האט עס געהייסן גמילת חסדים. און דער בית המקדש איז דאך חרוב געווארן, מפני שנאת חנם שהיה ביניהם, מען האט זיך פיינט געהאט. חברים האבן נישט גערעדט צוזאמען מיט א אמת'דיגע אהבה. אוכלין ושותין ביחד, מען האט געגעסן און געטרינקען צוזאמען, ודוקרין זה את זה בחרבות שבלשונם, אונטערן רוקן האט מען זיך געשטאכען איינעם דעם צווייטען, מען האט אריינגעזאגט איינער פאר אנדערן, מען האט גערעדט איינער אויפן צווייטען, פון דעם איז דער בית המקדש חרוב געווארן.

**די** וועלט זאגט, אז עס איז נישטא קיין שנאת חנם, א אומזיסטיגע שנאה. אדער איז עס פאר געלט, אדער איז עס פאר כבוד. עס איז נישט אומזיסט, אייביג איז דא עפעס א תירוץ פארוואס עס איז אזוי. - פארוואס רופט מען עס אן שנאת חנם? שטייט דען א מענטש אויף אינדערפרי, און פון זיך אליין האט ער פיינט דעם חבר, אייביג איז דא עפעס א סיבה וואס האט צוגעברענגט אז עס איז דא א שנאה. רש"י (שבת לב:) טייטשט, שנאת חנם איז דער טייטש, יעדע שנאה וואס די תורה האט נישט ערלויבט פיינט צו האבן יענעם, דאס ווערט אנגערופן שנאת חנם. עס איז דא שנאה וואס די תורה האט ערלויבט, רשעים איז א מצוה פיינט צו האבן, תכלית שנאה שנאתים לאויבים היו לי (תהלים קלט-כב), עס איז נישט קיין שנאת חנם. **אבער א ערליכער יוד, א שומר תורה ומצות, איז נישט דא קיין שום היתר אין די תורה, אז מען זאל אים מעגן פיינט האבן. עס איז נישטא קיין שום פאל, קיין שום וועג, אז מען זאל קענען פיינט האבן א שומר תורה ומצות. אז דו האסט אים פיינט ביסטו עובר אויף שנאת חנם. און וועגן דעם שנאת חנם, איז חרוב געווארן דער בית המקדש.**

**ב"ה** מען זיצט חברים צוזאמען, און מען ארבעט אויף די מדות, אז עס זאל נישט זיין קיין שנאה צווישן איינעם און דעם צווייטען. מען איז עוסק אין תורה און עבודה און גמילת חסדים, האבן מיר די כוחות אז דער אייבערשטער וועט אונז געבן, אז די טעג זאלן נתהפך ווערן לששון ולשמחה. יראו עינינו וישמח לבנו, ותגל נפשנו בישועתך באמת, באמור לציון מלך אלקיך. יעדער יוד וואס איז עוסק בתורה, יעדער יוד וואס פירט זיך ערליך, טוט מקרב זיין און צוברענגען א חלק פון די גאולה. זאלן מיר אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צוגיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

<u>*שבת קודש פרשת דברים – תשעה באב*</u>

במוצאי שבת אחר אמירת מגילת איכה (ע"י הרה"ג **רבי שמשון ראאב** שליט"א), למד **רבינו שליט"א** עם בחורי הישיבה, המדרש על חורבן בית המקדש (פתיחתא לאיכה רבה פסקה כד).